מימי פינזאָן

# דער טאטע איז געקומען שלאָפן

## דערציילונג

יענער טאָג האָט זיך בא אונדז אויסגעצייכנט מיט צוויי געשעענישן: לייע איז אוועק פונעם שטוב און דער טאטע איז געקומען שלאָפן. דעם טאָג געדענק איך פון סאמע אָנהויב. ס'איז געווען אזוי: אין דעם גרויסן מאַן-און-ווייב בעט בין איך געשלאָפן מיט דער מאמען; אַף איין בעטל — יאנקל מיט בערלען. אַף דעם אנדערן, איינע אליין, ווי א פריצטע — לייע. אין צימער איז נאָך געווען טונקל. די מאמע איז א ווילע געלעגן מיט אָפענע אויגן. קענטיק, אז זי האָט זיך ערשט אויפגעכאפּט. באלד נאָכן אויפוואכן פון שלאָף, איז בא איר דער פּאָנעם נישט אזוי שארף פארשפּיצט, עס זעען זיך אזוי שטארק ניט אָן די צוויי טיפע קנייטשן באם מויל און די פיל דריבניקע קנייטשעלעך ארום די אויגן, וואָס ווערן ווי פיצלעך נעפּלאצטע גלאָז, ווען זי איז אין קאעס. ניין. באם אויפכאפּן זיך איז די מאמע ניט אין קאעס, אמאָל שמייכלט זי אפילע, ווי עס זאָלן זיך איר האָבן געכאָלעמט גוטע, פריילעכע זאכן. איינמאָל, ווען איך האָב אזוי געקוקט אַף איר דורך די האלב-פארמאכטע אויגן, האָט זיך מיר אפילע געדוכט, אז איך הער ווי זי ברומט עפּעס א ניגן. און עפשער האָט זיך עס מיר געכאָלעמט.

די מאמע האָט זיך אויסגעגענעצט, זיך אויפגעזעצט אַפן בעט; געזוכט, געזוכט אונטערן בעט די אויסגעטראָטענע סאפּאטיזשעס, און באלד ווי זי האָט אראָפּגעשטעלט די פיס אַף דער ערד, פארלירט איר פּאָנים די פרימאָרגנדיקע אויסגערוטקייט און די ראכוועסדיקייט פון באנאכטיקע כאלוימעס. עס ווערט ווידער שארף אָנגעשפּיצט און דריבנע-געקנייטשט. זי הויבט אָן בורטשען, אז מיר שלאָפן צופיל, אז זי איז שוין מיד אויסצוהאלטן אַף אירע פּלייצעס אזעלכע צוויי געזונטע יונגאטשעס, וואָס וויסן נאָר ארומלויפן אין גאס, צערייסן הויזן און אויסטרעטן סאפּאטיזשעס; אַף לייען שרייט זי אז די מויד וועט ווידער פארשפּעטיקן צו דער ארבעט און פארלירן דאָס שטיקל שטעלע, וואָס מען ווערט סיי-ווי פון דעם ניט גליקלעך, ווייל דאָס גאנצע דאָברע-מאזל גייט אריין אין די זיידענע זאָקן, אין פארב צו די ליפּן און לאק אַף די נעגל.

בורטשענדיק און שעלטנדיק גייט די מאמע ארויס אַפן הויף. איך הער, ווי זי שלעפּט דעם קאסטן מיסט איבערן הייפל צום טויער. ווי זי וואשט זיך באם קראַן אין דרויסן, ווי זי פּאָמפּעט דעם פּרימוס, קלאפּט מיט די צוקער-זשערבע-פּושקעס. ווען זי קומט צוריק אריין אין צימער, אָן אָפּגעוואשענע, איז בא איר דער קאעס אביסל אָפּגעגאנגען. זי קעמט זיך פארן שאפע-שפּיגל די שיטערלעכע, גרוילעך-בלאָנדע האָר, וואָס זיינען אין די שפּיצן רויטלעך ארומגעצופּט פון א שלעכט-איינגעגעבענער פּערמאנענטע.

— שטיי אויף, ניאטעלע — זאָגט זי שוין אָן קאעס. וועסט מאכן טרינקען פאר לייען מיט די קינדער. (אז אויס קאעס, ווערט פון די געזונטע יונגאטשעס, צוריק — קינדער.). צום מיטיק זאָלסטו נאָר אָפּבראָטן א פּאָר בערעכענעס. דאָס איבעריקע וועל איך שוין ברענגען פון דער מערקאדע.

אין מערקאדע האָט די מאמע א שטעלעכל. זי פארקויפט דאָרט אלערליי „שטיקלעך" זייד, וואָלנס, לייוונט — אָפּפאל פון סכוירעס, וואָס זי קויפט אויף אַפן קילאָ און סאָרטירט עס פריער אויס בא זיך אין צימערל: זייד צו זייד, וואָלנס צו וואָלנס, לייוונט צו לייוונט. דאָס „צימערל" —דאָס איז איר שאַץ-קאמער און איר סכוירע-לאגער. דאָרט פארקלייבט זי זיך אלע אָוונט און ארבעט ביז שפּעט אין דער נאכט. דאָרט בין איך איר איינציקע ארויסהעלפערקע, ווייל די אינגלעך וועט זי אהין ניט אריינלאָזן, זיי וועלן איר דאָרט אָנטאָן כווישעך. זיי האָבן זיך שוין אהין אמאָל אריינגעכאפּט, געמאכט פון א גאנצן פּאק שמאטעס א ריזיקן באָל און גענומען ארבעטן מיט די הענט און מיט די פיס — ווען די מאמע גייט באצייטנס ניט אריין, מאכן זיי דאָרט א כורבן. לייע — זי וועט אהין נישט אריינשמעקן, מען זאָל זי אָפּגילטן: דאָס „צימערל" איז אמאָל געווען אזא שטיקל קאמער, קיין פּאָל איז ניטאָ, און עס שטינקט דאָרט מיט טוכלע שמאטעס און מיט מייז.

:: — ::

אז די מאמע איז אוועק, איז א שטיקל צייט געווען שטיל אין שטוב. די אינגלעך זיינען געזעסן אַפן בעטל און געשפּילט אין פיגוריטאס. דערנאָך האָט דער זייגער אויסגעשלאָגן זיבן. ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס א סיגנאל — איז די שטילקייט אויסגעביטן געוואָרן אַף דעם געוויינלעכן, טאָג-טעגלעכן טומל. די אינגלעך האָבן זיך צעשלאָגן איבער די פיגוריטעס און זיך אזוי גענומען רייסן, אז דאָס אייזערנע בעטל האָט געטאנצט און געקרעכצט אונטער זיי. לייע האָט זיך אויפגעזעצט און נאָך מיט האלב-פארמאכטע אויגן א כאפּ-געטאָן א שוך און געוואָרפן אַף זיי. דערנאָך איז זי אין הוילן שווארצן זיידענעם אונטערקלייד ,מיט באָרוועסע פיס. ארויס אַפן הויף זיך וואַשן. ווען זי איז צוריקגעקומען, האָב איך איר שוין אונטערגעטראָגן די ערשטע מאטע.

— לויף ניאטא, — האָט זי צו מיר געזאָגט נעמענדיק, די מאטע — ברענג מיר א נאָדל-פאָדים. עס האָט זיך מיר ווידער אראָפּגעלאָזט אַן אייגל פון זאָק. זאָקן פון צוויי-ניינציק! איך האָב בא זיך געוואוסט, אז די זאָקן, פּארפאקט אין א זייער שיין קעסטעלע, האָט איר געשענקט דער „שווארצער" — אַט אָ דער

מיט וועמען זי גייט אלע זונטיק באטאָג טאנצן אף די „מאטינעס" — און וואָס די מאמע האָט אף אים געזאָגט, אז אויב זי וועט אים פאקן מיט לייען שטיין אין דער פינצטערער הינטערן גאס־טויער — וועט זי אים אָפגיסן מיט הייסע וואסער און לייען — לייען וועט זי אויסדרייען הענט און פיס — וועט זיך איר שוין אָפגלוסטן פון טאנצן. כ'האָב געוואוסט — אָבער זיך געמאכט ניט ווייסנדיק. לייע האָט געזאָגט צוויי מיט ניינציק — זאָל זיין צוויי מיט ניינציק: געהייסן, כ'זאָל איר ברענגען א נאָדל־פאָדים — האָב איך איר געבראכט.

און פונקט ווי אלע טאָג, א פאָר מינוט פארן גיין צו דער ארבעט — האָט לייע אף גיך פארצירעוועט די זאָקן. אויפשטיין מיט א פאָר מינוט פריער — דאָס ניט. וויפל די מאמע האָט זיך נישט געקלינגערט, גערוקט דעם זייגער פאָרויס אף א פערטל שאָ — מיר האָבן געוואוסט — צי באם גיין אין שול, צי באם לויפן צו דער ארבעט — „דער זייגער לויפט אף א פערטל שאָ". און טאקע אלעמאָל פארשפעטיקט.

לייע איז געשטאנען מיט דער פלייצע צו דער טיר, איין פוס ארויפגעשטעלט אף א בענקל — און איך, מיט דער מאטע אין האנט, האָב זיך פארקוקט אף איר — אליין ניט ווייסנדיק פארוואָס. מיין שוועסטער איז דאָס שענסטע מיידל פון גאס — אזוי האָבן אלע געזאָגט. זי האָט געמעגט גיין מיט וויפל מיידלעך איבערן גאס, געקוקט האָט מען אף איר. די זאָקן זיינען ניט אלעמאָל געווען גאנץ, אָבער די נעגל — מאנעקירט. און די ליפן, אויסגעפאָרבן אין דער פאָרם פון א הארץ. געווען איז זי א בלאָנדע, נישט נאָך קיין הויכע, מיט דינע היפטן און קליינע, שפיציקע ברוסטן וואָס האָבן שטענדיק ארויסגעשטארטשעט פון בלוזקע אָדער פון סוועטער. פאר מיר פלעג זי זיך ניט זעלטן קלאָגן, אז ס'איז איר א שאָד אָפצופינצטערן א לעבן אינעם אָפגעלאָזטן צימער, מיט דער מאמען וואָס בורטשעט און שעלט, מיטן טאטן, וואָס אז ער קומט א היים, ווייסט ער נאָר שווייגן און שלאָפן... — נאָר דו ביסט מיר א שאָד, ניאטיטא — פלעגט זי זאָגן.

אָט דעם טאָג, בעיס זי איז געשטאנען מיט איין פוס אפן בענקל און פארצירעוועט די זאָק, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז זי וועט נעמען ריידן צו מיר טאקע וועגן אָט די זאכן. און נאָך האָט זיך מיר אויסגעדוכט — אז עפעס, זייער א וויכטיקס, סיי פאר מיר, סיי פאר איר וועט זי מיר באלד זאָגן. אָבער געזאָגט האָט זי גאָר:

— ניאטיטא, וועסט זאָגן דער מאמען: קיין מיטיק וועל איך היינט ניט קומען עסן. און זי איז אוועק.

כ'האָב געטאָן אלץ וואָס די מאמע האָט מיר אָנגעזאָגט. געגעבן די קינדער טרינקען, און זיי זיינען גלייך ארויס אין גאס. צוגערוימט דאָס צימער. דערנאָך האָב איך זיך גענומען צום מיטיק. מיין מאמע, וואָס האָט זייער ליב געהאט ארייַנצוקוקן אין אלטע זשורנאלן, — קיין נייע האָט מען בא אונדז נישט געקויפט — האָט ערגעץ געלייענט וועגן דער גרויסער נארהאפטיקייט פון בערענכענעס. דאָס איז א בלויער פאָמידאָר, וואָס קאָסט ביליק, איבערהויפט זומער. מען בראָט עס אָפ, מען האקט עס איין מיט א ציבעלע, מיט אביסל בוימל — און פארטיק. איז געווען נאָך עפעס צו עסן, איז דאָס בא אונדז געווען דער פאָרשפייז. איז איבערגעבליבן אביסל, האָט מען דאָס געגעסן מיט ברויט און פארטרונקען מיט א מאטע. דאָס איז געווען אונדזער באשטענדיקער מייכל. ווען מען איז אריין אין קיך, האָט מען געקאָנט זען בערעכענעס. זיך בראָטנדיק אפן פייער, אָדער זיך „האקנדיק" אפן ברעטל. און ווער ס'איז אריין, האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן — דערלאנגט א פאָר האק מיטן האקמעסער.

אז די מאמע איז געקומען, זיינען שוין בא מיר די בערעכענעס געווען פארטיק. דער קיך־טיש — פאר שפרייט מיט א צייטונג. די מאמע האָט געבראכט א שטיק וואורשט מיט א זויערער אוגערקע. זיינען מיר געזעסן ביידע אין קליינעם הילצערנעם קיכל און געפראוועט א סודע. די מאמע וואָס האָט מיט מיר גערעדט ווי מיט א גלייכן, האָט מיר דערציילט פארשיידענע מייסעס און פליאָטקעס פון דער מערקאדע. אזוי פלעג איך זיך אָפט דערוויסן — וועלכע פרוי עס האָט זיך געמאכט אן אבאָרט, ווייל איר איר שוין מיעס געוואָרן צו קינדלען. אָדער אז די און די „באלעבאָסטע" האָט געפאקט דעם מאן מיט דער „שיקסע" — און זיך דערפאר באנייט מיט א פוטערנעם מאנטל. די מאמע פלעגט דאָס אלץ דערציילן מיר פאָשעט, אָן שום האוואיעס, אין א שפראך, א באווירצטע מיט וויצן און גלייכווערטלעך. טאקע צוליב אָט די גלייכווערטלעך אירע איז זי געווען צעקריגט מיט העכער האלב ווייבער פון דער מערקאדע. אָבער זי האָט זיך דערפון ווינציק וואָס גענומען צום הארצן. זי פלעגט זיך אלעמאָל געפינען א נייע כאווערטע, ניט געקאָנט אויסקומען איינע אָן דער אנדערער, געוואוסט וואָס עס טוט זיך בא יענער אונטערן נאָגל, ביז — מען האָט זיך צעקריגט. באלד נאָכן עסן איז די מאמע אוועק צו אזא כאווערטע אירער. זי האָט טאקע געזאָגט צו מיר: איך גיי צו צו גיטלען. איך מוז זיך זייער נויטיק עפעס דערוויסן. אז מיין מאמע, האָט זיך „געמוזט" עפעס זייער נויטיק דערוויסן, איז א סימען — עס האלט שוין גאָר ווייט.

כ'האָב זיך געאיילט צו צעוואשן די פאָר טעלער, וואָס גיכער ארויס פונעם קיך. בא אונדז אין קיך — אזוי פלעגט די מאמע זאָגן — האָט מען זומער געקאָנט באקן געבעקס אפן בלעכענעם דאך, אזוי הייס איז דאָרט געווען. כ'האָב געוואשן די טעלער, זיך געאיילט און געזונגען די טאנגאָ וואָס לייע האָט דעם לעצטן זונטיק געבראכט פון דער „מאטינע":

— „כיהאָב פון אלע ליבעס שוין גענאָסן
מיין גוף דער קראנקער — קאָן ניט מער
מיין נעשאָמע קאָן שוין גאָר ניט פילן
א כוץ די ליבע צו מיין הייליקער מא—מעניו.

עמיצער האָט געעפנט די טיר פונעם הייפל. טריט האָבן זיך דערהערט איבער דער פאטיע. כ'האָב ארויסגעקוקט דורכן קיך־פענצטערל.

— דער טאטע איז געקומען! — מיט שווערע ברייטע, אביסל — זיך וואקלענדיקע טריט האָט ער

געשפּאַנט צו אונדזער צימער. איך בין אים געלאָפֿן אנטקעגן און פאר פרייד נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אויך דער טאטע האָט זיך מיט מיר געפֿרייט: ער האָט מיך ניט ארומגעכאַפּט, מיט מיר זיך נישט געקושט — בא אונדז פלעגט מען זיך זעלטן ארומנעמען, נאָך זעלטענער — קושן. ער האָט נאָר ארויפגעלייגט זיין גרויסע, שאָרשקע האַנט אַף מיין אקסל, פארלעגן און גוט געשמייכלט, קוקנדיק אַף מיר מיט זיין זעענדיק אויג, בעיים דאָס אנדערע — דאָס בלינדע, האָט זיך געזשמורעט, ווי פון צופיל זון. אין א ווייל'ע ארום איז ער שוין געזעסן אַף א נידעריק שטריעןן בענקעלע, די ברייטע פּלייצעס אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט. און איך האָב אים אונטערגעטראָגן איין הייסע, שווימענדיקע מאטע נאָך דער אנדערער.

ער האָט מיך פּאַמעלעך, מיט א סיידער, אויסגעפרעגט אַף דער מאמען, אַף לייען, אַף די אינגלעך, אויסלאָזנדיק נאָך יעדן ענטפער מיינעם מיט א לאַנג צופרידענעם: אזוי...

גלייך איך וואָלט אים דאָ די גוואַלדיקסטע נייעס דערציילט, ניט די פּאַשעטע, טאָג-טעגלעכע פּאַסירונגען פון אונדזער לעבן, וואָס זיינען אים פּונקט אזוי היימיש און באַקאַנט ווי מיר.

איך האָב געקוקט אַף אים און זיך געטראַכט: פארוואָס איז ער אזא, דער טאטע מיינער? פארוואָס איז ער נישט קיין שטרענגער, קיין בייזער, ווי אנדערע טאטעס? פארוואָס זאָל ער ניט זען, אז ס'זאָל זיין א שטיקל טאָלק בא אונדז אין שטוב, אז די מאמע זאָל ווינציקער ארומלויפן און האַנדלען, און בעסער אכטונג געבן אַף דער שטוב, אַף אונדז? אז די קינדער זאָלן גיין אין שול, מיט בלאַנקנדיק-ווייסע כאַלאַטלעך, ווי די אנדערע קינדער פון אונדזער גאַס. און לייע — מיט לייען איז די לעצטע צייט גאָרניט גלאַטיק. און ער? — אָט זיצט ער, דער טאטע מיינער, און עס אַרט אים עפּעס גאָרנישט, וואָס די שטוב אונדזערע איז ניט ווי בא לייטן. עס אַרט אים ביקלאַל קיינמאָל ניט פאר קיין זאַך. און אַלצדינג איז בא אים רעכט. שטענדיק איז ער אזא — א שווערער, א גוטער און א מידער. און שטענדיק הערט זיך פון אים א שאַרפער רייעך פון רויער פעל. דאָס האָט ער איצט אָפּגעאַרבעט צען טעג נאָכאַנאַנד באַם זאַלצן די רויע פעלן, אין א קעלער פון א שיף, וואָס וועט זיי נאָכדעם אוועקפירן ערגעץ אַף יענער זייט יאַמען. צען טעג האָט ער אָפּגעאַרבעט אָן אויפהער, פארדינט א פּאָר פּעזעס — און איצט איז ער געקומען אהיים זיך אָפּרוען. אָבער ווי שטענדיק, ווען ער קומט אהיים, קאָן ער שוין פון גרויס מידקייט אַזש ניט שלאָפֿן. די מאמע מוז אים דעמאָלט פאַרפּאַרען אזא טיי פון ליפּעווע צוויט, וואָס זאָל אים העלפן איינשלאָפֿן. דער טאטע לאַכט פון דער מאמעס באַבסקן טיי, זשמורענדיק דאָס זעענדיקע אויג; ער זאָגט:

— ווער סע קאָן ניט שלאָפֿן פון גרויס אויסגערוטקייט, איך — בא מיר ווערט דער שלאָף אָפּגענומען פון גרויס מידקייט.

נאָר אָט איז טאַקע אריין די מאמע, דערזען דעם טאַטן האָט זי גלייך גענומען קאָמאַנדעווען:

— זע נאָר, מוישע! ערשט געקומען? וואָס זשע זיצטו? גיי, מאַך זיך א קאַלטן טוש, וועסטו זיך מעכייע זיין! לויף, ניאַטעלע, מאַך א מאַטע פארן טאַטן! שוין געטרונקען? נו גיי, בעט אויס דאָס בעט, וועט זיך דער טאטע לייגן. גיי, מוישע, לייג דיך צו. ביסט דאָך מיסטאַמע גוט מיד, זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט, א יאָ? —

— שא, מאַלקע, פּילדער ניט. דו מאַכסט אָן א ווינט ארום מיר — האָט דער טאטע גוטמוטיק געענטפערט. — איך וויל שוין נישט שלאָפֿן. קום בעסער אהער, זעץ זיך צו אביסל. רייד אויס א וואָרט אָן ראַעש.

די מאמע האָט גענומען א קליין בענקעלע און זיך צוגעזעצט נעבן טאַטן. מיך האָט זי ארויסגעשיקט אין גאַס „זיך שפּילן". שטילערהייט האָט זי מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל זען אויפזוכן די „מאַמזיירים" און זיי ברענגען צו שלעפֿן — שוין צייט אָנקוקן, פאר א גאַנצן טאָג, די שטוב".

:: — ::

אז איך בין שוין צוריקגעקומען, איז שוין געווען גוט נאַכט. די אינגלעך זיינען געשלאָפֿן, ווי געהאַרגעטע. נאָר דער טאטע איז נאָך אַלץ געזעסן אין הויף אַפן נידעריקן בענקעלע און געשעפּט פרישע לופט, אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין דער וואַנט. וויפל די מאמע האָט אים ניט געטריבן שלאָפֿן, האָט ער ניט געוואָלט גיין.

— אז איך וויל שוין גאָרנישט שלאָפֿן — האָט ער געטייַנעט — דער קאַפּאַטאַס אונדזערער זאָל אזוי קענען עסן, ווי מיר גלוסט זיך שלאָפֿן. דו הערסט, מאַלקע, דער קאַפּאַטאַס אונדזערער, א פייער זוכט אים, אז ער זעט, עס גייט אוועק א טאָג מיט א נאַכט, און נאָך א טאָג מיט א נאַכט, די מענטשן הויבן אָן אָפּצושטיין — די אויגן קלעפּן זיך, די הענט ווערן שווער און געשוואָלן ווי די קלעצער, די זאַלץ ברענט די הויט, ווי פייער. און דאָ — די שטויסן פעלן ווילן ניט ווערן קלענער — ווערט ער ווי מעשוגע, דער ביטערער יונג. ער הויבט אָן ארומצולויפן הין און הער, ווי א ווילדער. „מאַמעס אין מאַמעס-מאַמעס" — פליען איבער די קעפּ. שוואַרצע קאַווע און קאָניאַק גיסט מען אין אונדז ווי וואַסער. ער לויפט פון איינעם צום אַנדערן און „מונטערט" אונדז. ער זאָגט צו גאָלדענע גליקן. ער וועט העכערן און העכערן, און ווען מען ענדיקט נאָר דאָס זאַלצן — ווערט ער קאַלט ווי אייז, פארגעסט אַלע זיינע צוזאָגעכצן, פארשטייסט — ער ווערט איינגאַנצן מיט די' אויס מעכוטן. נישט ער זידלט דיר, נישט ער קען דיך אפילע. הערסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן, מאַלקע? א ביטער שטיקל ברויט. זיך אָנגעהאָרעוועט צעזעצטערהייט. מיינסט וואָס? פארדינט א פּאָר פּעזעס. קיין גווירים וועט שוין פון אונדז, ווייזט אויס נישט ווערן. בא, מען וועט זיך גיין לייגן. עפּשער האָסטו מאַלקע, עפּעס א שמירעכץ צו די הענט. זיי שמאַרצן מיר זייער.

די מאמע האָט אים געגעבן עפּעס א קרעם, וואָס לייע שמירט מיט איר דאָס פּאָנים. אליין איז זי אריין אין קיכל מאַכן פאר אים די טיי פון ליפּעווע צוויט. עפּשער וועט דאָס אים העלפן איינשלאָפֿן. פון דאָרט האָט זי מיך א רוף געטאָן. מיר איינגערוימט — אויב

נאַכמען מייזיל

# מאַקסים גאָרקי און זיין האַשפּאָע אַף י. ל. פּערעץ און שאָלעם אַליכעם

(צו מאַקסים גאָרקיס 10-טן יאָרצייט)

1

די וועלט-ליטעראַטור דורך אירע פאַרשיידענע גרויסע קינסטלער האָט אין פאַרשיידענע צייטן געהאַט גאָר אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אַף דער אידישער ליטעראַטור, אַף אירע עלטערע און אינגערע שרייבער. אַ פיל-גרעסערן איינפלוס, ווי מיר שטעלן זיך גאָר פאָר. אָט די האַשפּאָע האָט זיך אָפּגערופן ניט בלויז אַף איינצלנע ווערק פון אידישע קינסטלער, נאָר זי האָט געהאַט אָפט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אַפן ווייטערדיקן שאַפערישן גאַנג פון דעם און יענעם אידישן קינסטלער.

דאָס פּראָבלעם פון די האַשפּאָעס פון דער וועלט-ליטעראַטור אַף די אידישע שרייבער איז זייער אַן ערנסטע, עס איז אָבער נאָך, ליידער, ניט גענוג אויסגעפאָרשט און באַהאַנדלט געוואָרן באַ אונדז. דאָ און דאָרטן איז, בדרעך האַגאַוו אָנגעמערקט דער איינפלוס פון דעם אָדער יענעם וועלט-קינסטלער אַף דעם אָדער אַנדערן אידישן שרייבער, און דאָס גאָר.

און עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז ווען מיר וועלן באַ יעדן איינצלנעם פאַל זיך דערקלייבן צו דער ווירקונג, וואָס דער אידישער קינסטלער האָט געהאַט אין זיין שאַפן פון דער ליטעראַטור אין אַנדערע שפּראַכן און ווען מיר וועלן קומען נעענטער צו דער דירעקטער האַשפּאָע פון וואָסער ס'איז באַדייטנדיקן וועלט-קינסטלער אַף דער אידישער ליטעראַטור און אירע שרייבער, וועט אונדז געוויס גרינגער זיין אויפצונעמען דעם שרייבער אין זיינע פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען און דאַן וועלן מיר טיפער פאַרשטיין און באַגרייפן זיין אינעווייניקסטן שאַפערישן גאַנג און דערביי אויך ווי ער האָט די האַשפּאָע פון דער פרעמד אויפגענומען און זי פאַראייגנט. דאָס אידישע פאָלק לעבט צווישן פאַרשיידענע פעלקער, אין פאַרשיידענע לענדער, באַ פאַרשיידענע געאָגראַפישע, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען און ספּערעס, עס איז מיט לייב און לעבן פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער קולטור-וועלט, — איז פאַרשטענדלעך דעריבער די פעסטע פאַרבינדונג און דער ענגער קאָנטאַקט צווישן די ניט-אידישע און אידישע שאַפער.

און נאָך אַ וויכטיקע זאַך: אָפטמאָל, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דער באַזונדערער קרוויוועשאַפט פון די פּראָבלעמען און מאָטיוון, וואָס ווערן באַהאַנדלט און אַרויסגעבראַכט באַ ניט-אידישע און אידישע קינסטלער פון איין צייט-אָפּשניט, אין איין לאַנד, דערזעען מיר גאָר, אַז דאָ גייט ניט גלאַט אַזוי אין אַן אויסערלעכער צופעליקער, „קאַפּריזער" ווירקונג, נאָר גיכער זיינען די אידישע קינסטלער באַגלייך מיט די ניט-אידישע באַווירקט געוואָרן פון איינע און די זעלבע פּאַסירונגען און געשעענישן אינם אַרומיקן לעבן, און דערנאָך אַף אַן אייגנאַרטיקן אָבער אָפט אַף אַ שטאַרקענלעכן אויפן אַרויסגעבראַכט די ווירקלעכקייט, דאָס



נאכמען מייזיל

אַרומיקע לעבן מיט די אַלע פּאַרשוינען. און עס איז דעריבער ביז גאָר פאַרשטענדלעך דער ווי „עס קריסטלט זיך אַזוי אידלט זיך". און אויב אַפילע יאָ האַשפּאָע און איינפלוס, איז עס דורכויס-אָרגאַנישע, אייגענע, נאַטירלעכע. פּונקט ווי עס איז געווען אַמאָל נאַטירלעך דער איינפלוס פון שילער, היינע, האָט מיט יאָרן שפּעטער געדאַרפט קומען דער איינפלוס פון טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, פון מעטערלינג, האַמסון אָדער פון דעם פּוילישן ווּיספּיאַנסקי.

„דור דור וסופריו" — יעדער דאָר האָט זיך זיינע שרייבער, אָבער יעדער דאָר מיט זיינע שרייבער האָט זיך אויך זיין ספּעציפישע האַשפּאָעס. און נאָך מער — אין פאַרשיידענע צייטן האָט אַפילע איין און דער זעלבער אידישער שרייבער געהאַט איינפלוסן פון אַנדערע באַזונדערע וועלט-שרייבער. אויך וועגן דעם לאָזט זיך זייער פיל רעדן. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען אונטער וועלכע איינפלוסן עס זיינען געווען אין פאַרשיידענע פּעריאָדן די לעצטע צוויי-דריי צענדליק יאָר אַזעלכע קינסטלער ווי, לעמאָשל, שאָלעם אַש און דאָוויד בערגעלסאָן. אַמאָל ווען די אידישע ליטעראַטור האָט זיך געשאַפן בעיקער אין דער ספערע פון דער

---

דער טאַטע וועט פרעגן, זאָל איך זאָגן: לייע נעכטיקט היינט באַ דער מומע ריווקע. מיר האָט זי געהייסן זיך לייגן אין לייעס בעטל. אין אירע רייד האָב איך דערקענט, אַז זי איז זייער אין קאַעס אַף לייען. אָבער אין אין דער זעלבער צייט האָט זיך מיר געדוכט, — די מאַמע ווייסט אַף זיכער, וואו לייע איז און פאַרוואָס זי קומט ניט.

מיר האָט שטאַרק וויי-געטאָן דער קאָפּ. איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. פאַרן איינשלאָפן האָב איך אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן און געזען: דאָס עלעקטרישע לעמפּל איז אַרומגעוויקלט מיט אַ צייטונגס פּאַפּיר, צוגעטשעפּעט מיט אַ קלעמערל פון וועש. דער טאַטע ליגט אין בעט — די מאַמע זיצט באַם טיש, פּונקט אונטערן שיין פונעם לעמפּל. דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אַף ביידע הענט. איך הער ווי דורכן שלאָף: ...אַזאַ פאַרשיווע מויד... קיינמאָל איר ניט נעשטערט. איר אין וועג געשטאַנען... וואו געוואָלט — נעגאַנגען, וואָס געוואָלט — געטאָן. עסן האָט איר נעפעלט? נעמען און אַוועק פון שטוב. אַפילע נעכטיקן נישט קומען...

וואָס אַמאָל האָט זי גערעדט שטילער. כ'וואָלט געשוואָרן — זי וויינט. פון בעט האָט זיך דערהערט אַ כראָפּ: דער טאַטע איז געשלאָפן.